ראש השנה תשפ"ג
גליון 111

# דעם רבינ'ס ליכט



אײַערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

אַ גוטן שַׁבָּת און יוֹם טוֹב פאַר אַלֶע לֶעבְּטִיגֶע קִינְדֶער.

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין בַּיים שְׁוֶועל פוּן דֶער נֵייעֶם יָאר. אַלֶע אִידְן גְרֵייטְן זִיךְ אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב רֹאשׁ הַשָּׁנָה. יֶעדֶער זוּכְט אַ וֶועג ווִי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּוַואוֶועקן פוּנֶעם שְׁלָאף און זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

מִיר אַלֶע בֶּעטְן בַּיים דאַווֶענֶען אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג "זָכְרֵנוּ לְחַיִּים מֶלֶךְ חָפֵץ בַּחַיִּים וְכָתְבֵנוּ בְּסֵפֶר הַחַיִּים לְמַעַנְךָ אֱלֹקִים חַיִּים", מִי כָמוֹךָ... וּכְתוֹב... בְּסֵפֶר חַיִּים...

ר' נָתָן אִין הִלְכוֹת תְּפִלִּין אִיז מַסְבִּיר אַז דֶער עִיקָר קְדוּשָּׁה פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה, דָאס מֵיינְט אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן פוּן אִיצְטֶער און צוּלֵייגְן מֶער קְדוּשָּׁה פוּן דָאסְנַיי.

דֶערְפַאר בֶּעטְן מִיר אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג גָאר אַסַאךְ מָאל אוֹיף הִתְחַדְּשׁוּת, אַז מֶען זָאל זִיךְ אַלֶעמָאל בַּאנַייעֶן פוּן דָאסְנַיי אַזוֹי ווִי מֶען בֶּעט "חַדֵּשׁ עָלֵינוּ שָׁנָה טוֹבָה" 'חַדֵּשׁ', מֶען בֶּעט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף אוּנְז זִיךְ בַּאנַייעֶן און דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ לַאנְגֶע לֶעבְּן פוּן נִצְחִיּוּת, דֶערְפַאר בֶּעטְן מִיר אַסַאךְ מָאל 'זָכְרֵנוּ לְחַיִּים', ווַייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה בֶּעטְן מִיר אוֹיף אֱמֶת'ע לַאנְגֶע לֶעבְּן, דָאס מֵיינְט אַ לֶעבְּן וָואס מִיר טוּעֶן דֶער רְצוֹן הַשֵּׁם און מִיר זֶענֶען מְקַיֵּים זַיינֶע מִצְוֹת מִיט פְרִישְׁקֵייט.

פאַרְוָואס פָארְט מֶען צוּ צַדִּיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

אִין סֵפֶר לִקּוּטֵי עֵצוֹת אִין אִידִישׁ אִיז עֶר מַסְבִּיר לוֹיט תּוֹרָה רי"א אַז דֶער עִיקָר הַמְתָּקַת הַדִּינִים ווֶערְט לוֹיט דִי הֵיילִיגְקֵייט און רֵיינְקֵייט וָואס מֶען הָאט אִין מֹחַ, אָבֶּער מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט הֵיילִיגְן און רֵיינִיגְן דִי מַחֲשָׁבוֹת נָאר אַז מֶען אִיז זִיךְ מְקַשֵּׁר צוּ צַדִּיקִים, און ווַיבַּאלְד רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער מְקוֹר פוּן דִּינִים דֶערְפַאר דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר גֶעוָואָרְנְט צוּ הַאלְטְן רֵיין דִי מַחֲשָׁבוֹת אִין דִי טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה כְּדֵי צוּ מְבַטֵּל זַיין אַלֶע דִּינִים, דֶערִיבֶּער פָּארְט מֶען צוּ דִי צַדִּיקִים צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קְדוּשָּׁה און טָהֳרַת הַמַּחֲשָׁבָה.

און דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען פָּארְט צוּ אֱמֶת'ע צַדִּיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוערְן נִמְתָּק אַלֶע סָארְטְן דִּינִים פוּן דֶער ווֶעלְט, דָאס מֵיינְט אַלֶע קִטְרוּגִים און יִסּוּרִים פוּן דֶער ווֶעלְט, וואוּ עֶס אִיז נָאר פַארְהַאן עֶפֶּעס אַ דִין – דָאס מֵיינְט אַ קִטְרוּג ווֶעלְכֶע בְּרֶענְגְט צָרוֹת און יִסּוּרִים – ווֶערְט אַלֶעס נִמְתָּק און בָּטֵל דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען פָּארְט צוּ אֱמֶת'ע צַדִּיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז טַאקֶע גֶעוָואָרְנְט "רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען טְרַאכְטְן גוּט".

דוּרְכְדֶעם וָואס עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן צוּם אֱמֶת'ן צַדִּיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה און זֵיי זֶענֶען צוּזַאמֶען מִיט לִיבְשַׁאפְט און אַחְדוּת דוּרְךְ דֶעם קוּמְט אַרַיין אַסַאךְ שִׂמְחָה און פְרֵייד אִין דִי מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען צוּם אֱמֶת'ן צַדִּיק.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ מַמְלִיךְ זַיין דֶעם

המשך אויף זייט 9

# צו יוּנְג
# אָדֶער צו אַלְט

*הַמְשֵׁךְ: ר' חַיִּים בִּנְיָמִין בְּרָאד ע"ה*

דֶער עִיקָר סִבָּה פאַרְוואס מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעצוֹיגְן פוּן מֶעזִיבוּש קַיין אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען ווַייל אוּנְטֶער דִי קָאמֶענִיסְטִישֶׁע רֶעזְשִׁים [שִׁלְטוֹן] אִיז גֶעוֶוען אוּמְמֶעגְלִיךְ צוּ עֶרְצִיעֶן דִי קִינְדֶער וִוי עֶרְלִיכֶע אִידְן. דֶער טַאטֶע הָאט נִישְׁט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען קַיין גֶעבוּרְט-שַׁיין [תְּעוּדַת לֵידָה] פַאר מִיר, אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְשְׁרִיבְּן אִינֶעם 'גֶעזֶעץ פוּן פְלִיכְט פַאר חִנּוּךְ' וֶועלְכֶע פַארְלַאנְגְט צוּ לֶערְנֶען אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי גוֹיִם.

אוּן וֶוען מַיין בְּרוּדֶער יְחֶזְקֵאל אִיז גֶעוָוארְן אַרַיינְגֶעצְווּינְגֶען צוּ לֶערְנֶען אִין דִי רוּסִישֶׁע שוּלֶעס, זֶענֶען מִיר אַרִיבֶּער קַיין אוּמַאן – וִוי מַיין פָּאטֶער אִיז גֶעוֶוען אַן אָפְטֶער גַאסְט.

כְּדֵי מַיין בְּרוּדֶער זָאל קֶענֶען וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן אִין דֶער אִידִישֶׁער חֶדֶר אוּן נִישְׁט דַארְפְן גֵיין אִין דִי גוֹי'שֶׁע שוּלֶעס הָאט מַיין טַאטֶע אָנְגֶעגֶעבְּן אִין דִי שְׁטָאטִישֶׁע בִּיכֶער אַז מַיין בְּרוּדֶער אִיז פִיל אִינְגֶער וִוי עֶר אִיז בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען, אַזוֹי אִיז עֶר נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען מְחֻיָּב צוּ לֶערְנֶען אִין דִי שוּלֶעס.

נָאךְ אַ סִבָּה וָואס הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט פַאר'ן טַאטְן זִיךְ אַרִיבֶּערְצִיעֶן קַיין אוּמַאן, אִיז גֶעוֶוען דֶער נוֹשֵׂא פוּן פַּרְנָסָה. דִי שְׁטָאטִישֶׁע בַּאהֶערְדֶע הָאבְּן גֶעוָוארְפְן אַן אוֹיג אוֹיפְן טַאטְן אַז עֶר פַארְנֶעמְט זִיךְ מִיט פַארְשְׁפְּרֵייטְן "גֶע'אַסֶר'טֶע" אִידִישֶׁע אַקְטִיוִויטֶעטְן. ווִיפִיל עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן זֵייעֶרֶע נֶעגְל הָאט עֶר גֶעזֶען אַז קַיין צְוֵויי בְּרֵרוֹת הָאט עֶר נִישְׁט, עֶר מוּז הֵייבְּן פִיס אוּן אַנְטְלוֹיפְן וִוי שְׁנֶעלֶער. אַזוֹי אִיז גֶעפַאלְן דֶער עוֹל פוּן פַּרְנָסָה אוֹיף מַיין מַאמֶע, פוּן מָאל צוּמָאל פְלֶעגְט דֶער טַאטֶע אַרֵיינְשִׁיקְן אִין שְׁטוּב עֶפֶּעס קְלֵיין גֶעלְט. אָבֶּער דֶער מַצָּב אִיז גֶעוָוארְן נָאר עֶרְגֶער. זַייעֶנְדִיג אִין אַזַא פַארְגֶעלֶעגְנְהַייט הָאבְּן מִיר גֶעפַּאקְט פֶּעק אוּן אַרִיבֶּער קַיין אוּמַאן, אוּמַאן אִיז שוֹין גֶעוֶוען אַ גְרֶעסֶערֶע שְׁטָאט מִיט מֶער בַּאקַאנְטֶע, הָאט זִיךְ דֶער טַאטֶע פַארְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דָארְט וֶועט אִים זַיין גְרִינְגֶער צוּ טְרֶעפְן אַזַא פַּרְנָסָה וָואס וֶועט נִישְׁט זַיין אוּנְטֶער דִי שָׁאטְן פוּן דִי רֶעגִירוּנְג אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט דַארְפְן פַארְשְׁוֶועכְן דֶעם שַׁבָּת.


דעם בעל שם'ס
שול אין מעזיבוש

מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער פוּן מֶעזִיבוּש קַיין אוּמַאן וֶוען אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן אַלְט גֶעוֶוען אַכְט יָאר. דֶער גֶעזֶעץ אִין רוּסְלַאנְד יֶענֶע יָארְן הָאט פַארְלַאנְגְט אַז יֶעדֶער נַייעֶר אֵיינְוואוֹינֶער דַארְף קוּמֶען זִיךְ פַארְשְׁרַייבְּן אַלֶע זַיינֶע פְּרִיוַואטֶע אֵיינְצֶעלְהַייטְן, - פוּן ווַאוּ עֶר קוּמְט, וִויפִיל נְפָשׁוֹת זֶענֶען דָא אִין דִי מִשְׁפָּחָה א.א.וו. לוֹיט דִי אֵיינְצֶלְהֵייטְן וָואס דֶער נַייעֶר אֵיינְוואוֹינֶער הָאט פַארְשְׁרִיבְּן הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַן אָפִיצְיֶעלֶע דָאקוּמֶענְט מִיט דִי פְּרָטִים. דִי שְׁטָאט הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט לֵייגְן אַ הַאנְט אוֹיף דִי פְּרָטִים אוֹיבּ עֶס אִיז טַאקֶע הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, זֵיי הָאבְּן נָאר פַארְשְׁרִיבְּן וִוי אַזוֹי מֶען הָאט עֶס זֵיי אֵיינְגֶעגֶעבְּן.

דֶער טַאטֶע הָאט מִיר אֵיינְגֶעגֶעבְּן אַלְס פִינְף יֶערִיג אִינְגְל, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ פַארְדִינְט דְרֵיי יָאר,

המשך אויף זייט 7



# ביי מיר האט קיינער נישט דערלייגט!

טייערע קינדער און עלטערן, אויב האט איר א מעשה׳לע פון השגחה פרטית וועלן עס האט זיך אייך אריינגעגאסן א שפע אויפן וועג קיין אומאן, ביטע טיילט דאס מיט מיט די אנדערע ברסלב׳ער חסידים. יעדער איינער קען דערציילן כאטש איין מעשה וואס ער האט שוין אמאל בייגעוואוינט אין די פריערדיגע יארן. איר קענט לאזן א מעסעדזש אויפן טעלעפאן ליין קנעפל 5.

איך האב ברוך השם זוכה געווען צו פארן קיין אומאן גענוג פרי איבערלאזנדיג די בני בית און קינדערלעך אין שטוב. אין מיין הארץ בין איך געווען זייער באזארגט פאר זיי פון דערווייטנ׳ס. ס׳איז זיי נישט געווען גרינג אן קיין פיזישע הילף און אן קיין געלט צו גיין אין געשעפט איינקויפן. איבערהויפט איז געווען שווער מיט שבת.

איך פון מיין זייט, אין יענעם עק וועלט, בין געזעצן ביים רבי׳ן און מתפלל געווען. איך האב געוויינט מיט טרערן, „הייליגער באשעפער העלף אז אלעס אין שטוב זאל זיך פירן כשורה!”

און טאקע, יעדע וואך האט מען געהאט אן אנדערע נס. איין וואך האט מיר א חבר געגעבן די הוצאות צו קענען שיקן מיין

המשך אויף זייט 8

# איין מעשה׳לע

דער באשעפער באווייזט וואונדער פאר זיינע ליבע קינדער



## תְּפִלָּה מִיט אֱמוּנָה

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פָּארְן קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער מַיין טַאטֶע הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט פָּארְן!

אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעטוּן דָאס וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס, תְּפִלָּה! אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַסַאךְ תְּפִלּוֹת. בִּיז אֵיין טָאג קוּמְט מַיין טַאטֶע אַהֵיים אוּן זָאגְט מִיר: „מֶען גֵייט פָּארְן!”

פְרֶעג אִיךְ אִים: „וואוּ גֵייט מֶען פָּארְן?”

זָאגְט עֶר „אִין אוּמַאן”.

עֶס הָאט מִיר אוֹיסְגֶעזֶען וִוי אַ חָלוֹם, אָבֶּער תְּפִלָּה הָאט אַ כֹּחַ, צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע פַארְמַאכְטֶע טוֹיעֶרְן.

יְישַׁר כֹּחַ פַאר „מַיין מַעֲשֶׂה׳לֶע” מֶען לֶערְנְט זִיךְ אוֹיס צוּ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער פַאר יֶעדֶע זַאךְ.

דָוִד׳ל

# די נַייְנְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט ~

# דֶער חכם און דֶער תם 4




**און ווי עֶר פַּארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ אַזוֹי.** רוּפְט עֶר זִיךְ אָן (צוּ דֶעם אַנְדֶערְן חָכָם דֶער שְׁלִיחַ וָואס הָאט דֶעם בְּרִיוו גִיבְּרַאכְט) וֶוייסְטוּ וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן.

**הָאט מַיין דֵיעָה** אִיז אַז סֶע אִיז גִידְרוּנְגֶען. אַז סֶע אִיז גָאר קֵיין מֶלֶךְ נִיט דָא אִין דֶער וֶועלְט. אוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זִיךְ דְרִינֶען טוֹעֶה זֵיי מֵיינֶען אַז סֶע אִיז דָא אַ מֶלֶךְ. אַדְּרַבָּא פַּארְשְׁטֵיי. ווי גִישִׁיקְט זִיךְ דָאס. אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. זָאל זִיךְ אָפְּגֶעבְּן צוּ אֵיין מֶענְשְׁן אִין דֶער הַאנְט אַרַיין. אַז עֶר זָאל זַיין דֶער מֶלֶךְ. סֶע אִיז אַוַודַאי קֵיין מֶלֶךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט נִיט דָא.

**עֶנְפֶערְט** דֶער חָכָם דֶער שְׁלִיחַ. אִיךְ הָאבּ זִיךְ דִיר גִיבְּרַאכְט **אַ בְּרִיוו פוּן דֶעם מֶלֶךְ.** פְרֶעגְט אִים דֶעם חָכָם (דֶער חָבֵר פוּן דֶעם תָּם) הָאסְטוּ אַלֵיין גִינוּמֶען דֶעם בְּרִיוו בַּאם מֶלֶךְ אוֹיס דֶער הַאנְט אַרוֹיס. עֶנְפֶערְט עֶר אִים. נֵיין. נָאר אַנַאנְדֶערֶער מֶענְשׁ הָאט מִיר גִיגֶעבְּן דֶעם בְּרִיוו פוּן דֶעם מֶלֶךְ. רוּפְט עֶר זִיךְ אָן. נָא אַדְּרַבָּא.

**הַיינְט** זֶעה מִיט דַיינֶע אוֹיגְן. אַז אִיךְ בִּין גִירֶעכְט אַז סֶע אִיז גָאר קֵיין מֶלֶךְ נִיט פַּאר הַאנְדְן. פְרֶעגְט עֶר אִים **ווִידֶער** (דֶער חָכָם דֶער חָבֵר פוּן דֶעם תָּם דֶעם אַנְדֶערְן חָכָם דֶעם שְׁלִיחַ) זָאג מִיר נָאר. דוּ בִּיסְט זִיךְ פוּן דֶער עִיר מְלוּכָה אוּן דוּ בִּיסְט דָארְט גִיוַואקְסְן גִיוָוארְן. זָאג מִיר הָאסְטוּ וֶוענְס גִיזֶעהְן דֶעם מֶלֶךְ. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. נֵיין. רוּפְט עֶר זִיךְ אָן.

**הַיינְט** זֶעה אַז אִיךְ בִּין גִירֶעכְט אַז סֶע אִיז בְּוַודַאי גָאר קֵיין מֶלֶךְ נִיט פַּארְהַאנְדְן. וָוארְן אָט אֲפִילוּ דוּ הָאסְט קֵיין מָאל דֶעם מֶלֶךְ נִיט גִיזֶעהְן.

**הָאט ווִידֶער** דֶער חָכָם דֶער שְׁלִיחַ גִיפְרֶעגְט. אַז סֶע אִיז יוֹא אַזוֹי. וֶוער זֶע פִירְט דִי מְדִינָה.

**הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט** (דְהַיְינוּ דֶער חָכָם דֶער חָבֵר פוּן דֶער תָּם) דָאס. אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן קְלָאר. וָוארְן אִיךְ בִּין דְרִינֶען גִינִיט. אוּן מִיךְ זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן. וָוארְן אִיךְ בִּין אוֹיסְן גִיוֶוען לֶענְדֶער. בִּין אִיךְ גִיוֶוען. אִין אִיטַלְיָא. אִיז אַזוֹי דֶער מִנְהָג. סֶע אִיז פַּארְהַאנְדְן זִיבְּצִיג רַאטְהֵיירִין אוּן זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיף אוּן פִירְן דִי מְדִינָה אַ צַייט. אוּן מִיט דֶעם שְׂרָרָה שַׁאפְט טֵיילְן זִיךְ אַיין דִי גַאנְצֶע מְדִינָה אֵיינֶער נָאךְ דֶעם אַנְדֶערְן (דְהַיְינוּ פְרִיר זֶענֶען דִי. דִי רַאטְהֵיירִין. דֶער נָאךְ גֵייעֶן דִי אַרָאפּ אוּן אַנְדֶערֶע גֵייעֶן אַרוֹיף אוּן פִירְן דִי מְדִינָה אוּן אַזוֹי אַלֶע מָאל אַנְדֶערֶע)

**הָאבְּן אָן גִיהוֹיבְּן** זַיינֶע רֵייד אַרַיין צוּ גֵיין אִין דִי אוֹיעֶרְן פוּן דֶעם אַנְדֶערְן חָכָם (דְהַיְינוּ דֶער שְׁלִיחַ) בִּיז סֶע אִיז בַּיי זֵיי בֵּיידֶע גִיבְּלִיבְּן אַז סֶע אִיז בְּוַודְאַי קֵיין מֶלֶךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט נִיט דָא.

**הָאט זִיךְ ווִידֶער** אָן גִירוּפְן דֶער חָכָם (דֶער חָבֵר פוּן דֶעם תָּם) וַוארְט בִּיז אִין דֶער פְרִיא וֶועל אִיךְ דִיר נָאךְ דֶערְוַוייזְן קְלָאר אַז סֶע אִיז בְּוַודְאַי קֵיין מֶלֶךְ נִיט דָא.

**הָאט דֶער חָכָם** זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט אִין דֶערְפְרִי. אוּן עֶר הָאט אוֹיף גִיוֶועקְט דֶעם אַנְדֶערְן חָכָם דֶעם שְׁלִיחַ. אוּן הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט קוּם מִיט מִיר אוֹיף דֶער גַאס וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזְן. ווִי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אִין טָעוּת. אוּן סֶע אִיז גָאר קֵיין מֶלֶךְ נִיט פַּארְהַאנְדְן.

**זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען** אִין מַארְק. הָאבְּן זֵיי דֶערְזֶעהְן אַ זֶעלְנֶער הָאבְּן זֵיי אִים אָנְגִיחַאפְּט. אוּן הָאבְּן אִים גִיפְרֶעגְט וֶועמֶען **דִינְסְטוּ.** הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט. **דֶעם מֶלֶךְ.** הָאסְטוּ גִיזֶעהְן דֶעם מֶלֶךְ זִינְט דוּ לֶעבְּסְט. עֶנְפֶערְט עֶר. נֵיין.

**הָאט עֶר זִיךְ אָנְגִירוּפְן** (דְהַיְינוּ דֶער עֶרְשְׁטֶער חָכָם דֶער חָבֵר פוּן דֶעם תָּם. אִים רוּפְן מִיר אַלֶץ דֶער עֶרְשְׁטֶער חָכָם) אוּן הָאט גִיזָאגְט.

זֶע, אִיז דָא אַזוֹי אֵיין נַיירִישְׁקֵייט (כְּלוֹמֶר דֶער סָאלְדַאט דִינְט דֶעם מֶלֶךְ אוּן עֶר קָאן אִים נִיט. וָוארְן דֶער חָכָם הָאט אַלְץ גִיוָואלְט מִיט זַיין נַארִישֶׁער חָכְמָה דְרוּנְגֶען אַז סֶע אִיז גָאר קֵיין מֶלֶךְ נִיט דָא כַּנַּ"ל)

**נָאךְ דֶעם** זֶענֶען זֵיי וִוידֶער גִיגַאנְגֶען צוּ אֵיין אָפִּיצִיר פוּן דֶעם חַיִל. אוּן זֵיי זֶענֶען מִיט אִים אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין רֵייד בִּיז זֵיי הָאבְּן אִים גִיפְרֶעגְט. וֶועמֶען **דִינְסְטוּ**. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט. **דֶעם מֶלֶךְ**. הָאסְטוּ גִיזֶעהְן דֶעם מֶלֶךְ. נֵיין.

**הָאט עֶר זִיךְ** אָן גִירוּפֶען. אַדְרַבָּא. הָאט זֶעה מִיט דִי אוֹיגְן אַז זֵיי זֶענֶען אַלֶע זִיךְ טוֹעֶה. אוּן סֶע אִיז קֵיין מֶלֶךְ **נִיט דָא** (וָוארֶען דֶער אָפִּיצִיר הָאט אוֹיךְ נִיט גִיזֶעהְן דֶעם מֶלֶךְ) אִיז צְוִוישְׁן זֵיי גִיבְּלִיבְּן אַז סֶע אִיז קֵיין מֶלֶךְ נִיט דָא.

**הָאט זִיךְ דֶער עֶרְשְׁטֶער חָכָם אָן גִירוּפְן**. קוּם לָאמִיר פָארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט. וֶועל אִיךְ דִיר נָאךְ וַוייזְן וִוי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זִיךְ זֵייעֶר טוֹעֶה אִין גְרוֹיסֶע נַיירִישְׁקֵייט.

**זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען** אוּן זֶענֶען גִיפָארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן אוּמִידוּם וִוי זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען הָאבְּן זֵיי אַלְץ גִיפוּנֶען דִי וֶועלְט אִין **טָעוּת** (כְּלוֹמֶר דִי חֲכָמִים זֶענֶען דוּרְךְ זֵייעֶר חָכְמָה פַּאר גַאנְגֶען אִין אַזוֹינֶע נַארִישְׁקֵייט בִּיז זֵיי הָאט זִיךְ גִידַאכְט אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אַלְץ אִין טָעוּת)

**אוּן דִי זַאךְ פוּן דֶעם מֶלֶךְ** (כְּלוֹמֶר דָאס וָואס בַּיי זֵיי אִיז גִיוֶוען אָפְּגִיקְלֶערְט אַז סֶע אִיז קֵיין מֶלֶךְ נִיט דָא) דָאס אִיז שׁוֹין בַּיי זֵיי גִיוָוארִין פַּאר אַ מָשָׁל. אוּן וִוי זֵיי הָאבְּן גִיפוּנֶען דִי וֶועלְט אִין טָעוּת.

**הָאבְּן זֵיי גִינוּמֶען דֶעם מֶלֶךְ פַּאר אַ מָשָׁל**. אַזוֹי וִוי דָאס אִיז אֶמֶת אַז **סֶע אִיז דָא אַ מֶלֶךְ**. אַזוֹי אִיז דָאס אוֹיךְ.

**זֶענֶען זֵיי אַזוֹי** אוֹיסִין גִיוֶוען דִי וֶועלְט אוּן זֶענֶען גִיפָארִין. בִּיז סֶע אִיז בַּיי זֵיי אוֹיס גִיגַאנְגֶען וָואס זֵיי הָאבְּן גִיהַאט.

**הָאבְּן זֵיי אָנְגִיהוֹיבִּין** צוּ פַארְקוֹיפְן אֵיין פֶערְד. אוּן דֶערְנָאךְ דָאס אַנְדֶערֶע. בִּיז זֵיי הָאבִּין אַלֶע פַארְקוֹיפְט. בִּיז זֵיי הָאבְּן גִימוּזְט גֵיין צוּפוּס.

**אוּן תָּמִיד הָאבְּן** זֵיי אַלְץ גִיקְלֶערְט דִי וֶועלְט. אוּן הָאבִּין גִיפוּנֶען אַלְץ אַז דִי וֶועלְט אִיז אִין טָעוּת. אוּן זֵיי זֶענֶען **גִיוָוארִין קַבְּצָנִים פּוּס גִייעֶרְס**. אוּן זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גָאר **נִיט חָשׁוּב גִיוֶוען**. אוּן מֶען הָאט זִיךְ שׁוֹין אוֹיף זֵיי גָאר נִיט אוּם גִיקוּקְט אוֹיף אַזוֹינֶע קַבְּצָנִים.

**זֶענֶען זֵיי** אַזוֹי אוֹיסִין גִיוֶוען אוֹיף דֶער וֶועלְט בִּיז סֶע אִיז אוֹיסְגִיקוּמֶען. אַז זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ דֶער שְׁטָאט וָואס דָארְט וואוֹינְט דֶער **מִינִיסְטֶער הַנַּ"ל** (דְהַיְינוּ דֶער תַּם זַיין חָבֵר פוּן דֶעם חָכָם כַּנַּ"ל)

**אוּן דָארְט** אִין דֶער שְׁטָאט אִיז גִיוֶוען אֵיין **אֶמֶתִיר בַּעַל שֵׁם**. אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם אִיז **זֵייעֶר חָשׁוּב גִיוֶוען**. וָוארִין עֶר הָאט גִיטָאן ווּילְדֶע זַאכִין בֶּאֱמֶת אוּן אֲפִילוּ צְוִוישְׁן דִי שְׂרָרוֹת אִיז עֶר גִיוֶוען אַ מְפוּרְסָם אוּן אִיז **בַּיי זֵיי חָשׁוּב גִיוֶוען**.

**אוּן דִי חֲכָמִים** זֶענֶען גִיקוּמֶען אִין דֶער שְׁטָאט אַרַיין. אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוּם גִיגַאנְגֶען. אוּן זֶענֶען אָנְגִיקוּמֶען פַּאר דֶער שְׁטוּב פוּן דֶעם **בַּעַל שֵׁם** הָאבִּין זֵיי גִיזֶעהְן סֶע שְׁטֵייט דָארְט אַסַאךְ וֶועגֶעלִיךְ מִיט חוֹלִיים. פֶּערְצִיג אָבֶּער פוּפְצִיג.

**הָאט דֶער חָכָם גִימֵיינְט**. אַז דָארְט וואוֹינְט אַ דָאקְטֶער. הָאט עֶר גִיוָואלְט צוּ אִים אַרַיין גֵיין. מַחְמַת עֶר אִיז זִיךְ אוֹיךְ גִיוֶוען אֵיין גְרוֹיסֶער דָאקְטֶאר. הָאט עֶר גִיוָואלְט אַרַיין גֵיין. עֶר זָאל זִיךְ מִיט אִים דֶערְקֶענֶען.

**הָאט עֶר גִפְרֶעגְט** וֶוער וואוֹינְט דָא. הָאט מֶען אִים גִיעֶנְפֶערְט. **אַ בַּעַל שֵׁם**. הָאט עֶר גִיטָאן אַ גְרוֹיס גִילֶעכְטֶער. אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּם אַנְדֶערְן (דְהַיְינוּ צוּם חָכָם דֶער שְׁלִיחַ) דָאס אִיז נָאךְ אַ לִיגְן אוּן אַ נַארִישְׁקֵייט. דָאס אִיז נָאךְ מֶער נַארִישְׁקֵייט אֵיידֶער דֶער טָעוּת פוּן דֶעם מֶלֶךְ.

**בְּרוּדֶער** אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילִין דָאס פַאלְשְׁקֵייט. וִוי אַזוֹי דִי וֶועלְט אִיז אִין טָעוּת אוּן אַזוֹי אַלִיגְן.

**דֶערְוַוייל** זֶענֶען זַיי הוּנְגֶערִיק גִיוֶוען. הָאבִּין זַיי בַּיי זִיךְ נָאךְ גִיפוּנֶען דְרַיי פִּיר גְרָאשְׁן. זֶענֶען זַיי גִיגַאנְגֶען אִין דֶער גָאר קֶעךְ אַרַיין. אוּן דָארְט קְרִיגְט מֶען עֶסְן אֲפִילוּ פַאר דְרַיי פִּיר גְרָאשְׁן. אוּן הָאבְּן זִיךְ גִיהֵייסְן גִיבְּן עֶסְן. הָאט מֶען זַיי גִיגִיבְּן.

**דֶערְוַוייל** וִוי זַיי הָאבְּן גִיגֶעסְן. הָאבְּן זַיי גִישְׁמוּסְט. אוּן הָאבְּן גִישְׁפֶּעט פוּן דֶעם לִיגְן אוּן פוּן דֶעם טָעוּת פוּן דֶעם **בַּעַל שֵׁם.** (וִוי דִי וֶועלְט אִיז זִיךְ טוֹעֶה)

**אוּן דֶער גָאר קֶעכֶער** הָאט גִיהֶערְט זֵייעֶרֶע רֵייד. הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן וָוארְן דֶער **בַּעַל שֵׁם אִיז דָארְט זֵייעֶר חָשׁוּב גִיוֶועןֹ.**

**הָאט עֶר צוּ זַיי גִיזָאגְט.** עֶסְט אַייךְ אָפּ וָואס אִיר הָאט אוּן גֵייט אַייךְ אַרוֹיס פוּן דַאנֶעט.

**נָאךְ דֶעם** אִיז אָנְגִיקוּמֶען אַהִין. **אַ זוּן פוּן דֶעם בַּעַל שֵׁם.** אוּן זַיי הָאבְּן נָאךְ גִישְׁפֶּעט פוּן דֶעם **בַּעַל שֵׁם** דֶעם זוּן אִין דִי אוֹיגְן. הָאט זַיי דֶער גָאר קֶעכֶער אָנְגִישְׁרִיגְן נָאךְ וָואס זַיי שְׁפֶּעטְן פוּן דֶעם **בַּעַל שֵׁם** דֶעם זוּן אִין דִי אוֹיגְן.

**בִּיז דֶער גָאר קֶעכֶער.** הָאט זַיי גִישְׁלָאגְן גַאנְץ שְׁטַארְק. אוּן הָאט זַיי אַרוֹיס גִישְׁטוּפְּט פוּן זַיין שְׁטוּבּ.

**הָאט עֶס זַיי זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן.** הָאבְּן זַיי גִיוָואלְט זוּכְן אַ מִשְׁפָּט אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט זַיי גִישְׁלָאגְן.

**הָאבְּן זַיי זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶועןֹ.** זַיי וֶועלְן גֵיין צוּ זֵייעֶר בַּעַל הַבַּיִת. וָואס זַיי הָאבְּן דָארְט אָפְּגִילֵייגְט זֵייעֶרֶע פֶּעקְלֶעךְ. זַיי זָאלְן מִיט אִים אֵיין עֵצָה הַאלְטְן. וִוי אַזוֹי זַיי זָאלְן דֶערְלַאנְגֶען אַ מִשְׁפָּט אוֹיף דֶעם גָאר קֶעכֶער וָואס עֶר הָאט זַיי גִישְׁלָאגְן.

**זֶענֶען זַיי גִיגַאנְגֶען** אוּן הָאבְּן זֵייעֶר בַּעַל הַבַּיִת דָאס דֶערְצֵיילְט אַז דֶער גָאר קֶעכֶער הָאט זֵי זֵייעֶר גִישְׁלָאגְן. הָאט עֶר זַיי גִיפְרֶעגְט. פַארְוָואס. הָאבְּן זַיי אִים דֶערְצֵיילְט. וַוייל זַיי הָאבְּן גִירֶעט אוֹיף דֶעם **בַּעַל שֵׁם.**

**הָאט זַיי דֶער בַּעַל הַבַּיִת גִיעֶנְפֶערְט.** סֶע אִיז אַוַודְאַי קֵיין יוֹשֶׁר נִיט אַז מֶען זָאל שְׁלָאגְן מֶענְשְׁן. לוּשְׁמִיר אִיר הָאט אָבֶּער גָאר נִיט רֶעכְט גִיטָאן. נָאךְ וָואס הָאט אִיר גִירֶעט אוֹיף דֶעם **בַּעַל שֵׁם.** וָוארְן דֶער **בַּעַל שֵׁם** אִיז דָא זֵייעֶר חָשׁוּב. הָאבְּן זַיי גִיזֶעהְן אַז עֶר אִיז אוֹיךְ אִין טָעוּת.

**זֶענֶען זַיי פוּן אִים אַוֶועק גִיגַאנְגֶען.** אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען צוּם פָּקִיד. אוּן דֶער פָּקִיד אִיז גִיוֶוען אַ גוֹי. הָאבְּן זַיי אִים דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה אַז מֶען הָאט זַיי גִישְׁלָאגֶען.

**הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט.** פַארְוָואס. הָאבְּן זֵי גִיזָאגְט. וַוייל זַיי הָאבְּן גִירֶעט אוֹיף דֶעם **בַּעַל שֵׁם.** הָאט זַיי דֶער פָּקִיד אוֹיךְ גִיהַרְגֶעט גִישְׁלָאגְן. אוּן הָאט זַיי אַרוֹיס גִישְׁטוּפְּט.

**זֶענֶען זַיי פוּן אִים אַוֶועק גִיגַאנְגֶען.** אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען צוּ אֵיין הֶעכֶערְן וָואס הָאט צוּ שְׁאפְן. אוּן הָאבְּן אַלְץ נִיט גִיפוֹיעֶלְט קֵיין מִשְׁפָּט.

**אוּן זֶענֶען** אַזוֹי אַלְץ גִיגַאנְגֶען פוּן אֵיינֶעם צוּם אַנְדֶערְן. אַלֶע מָאל צוּ אֵיין הֶעכֶערְן (אוּן הָאבְּן אַלְץ נִיט גִיפוֹעֶלְט נָאר מֶען הָאט זַיי גוּט גִישְׁלָאגְן אַלֶע מָאל)

**בִּיז זַיי זֶענֶען גִיקוּמֶען פַאר דֶעם מִינִיסְטֶער** (דָאס אִיז גִיוֶוען דֶער תַּם כַּנַ"ל) אוּן דָארְט פַאר דֶעם מִינִיסְטֶער זֶענֶען גִישְׁטַאנֶען וַואכְן. הָאט מֶען גִימֶעלְדֶעוֶועט פַאר דֶעם מִינִיסְטֶער. אַז אַ מֶענְשׁ בַּאדַארְף צוּ אִים. הָאט עֶר גִיהֵייסְן אַז עֶר זָאל אַרַיין גֵיין.

**אִיז דֶער חָכָם גִיקוּמֶען פַאר דֶעם מִינִיסְטֶער** וִוי עֶר אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען. הָאט אִים דֶער מִינִיסְטֶער תֵּיכֶּף דֶערְקֶענְט אַז דָאס אִיז דֶער חָכָם זַיין חָבֵר. אוּן דֶער חָכָם הָאט אִים נִיט דֶערְקֶענְט. מַחְמַת עֶר אִיז הַיינְט אִין אַזוֹי גְדוּלָה.

**הָאט תֵּיכֶּף דֶער מִינִיסְטֶער** אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ אִים צוּ רֵיידְן. אוּן עֶר הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט: זֶעה. צוּם וָואס. **מַיין תְּמִימוּת. הָאט מִיךְ גִיבְּרַאכְט** צוּ אַזוֹי אֵיין **גְדוּלָה.** אוּן צוּ וָואס. **דַיין חָכְמָה. הָאט דִיךְ גִיבְּרַאכְט.**

וַוייל פוּן דִי אַכְט יָאר דַארְף מֶען שׁוֹין גֵיין אִין דִי גוֹי'שֶׁע שׁוּלֶעס. אָבֶער אַ פִינְף יֶערִיג קִינְד אִיז נָאךְ פְרֵיי פוּן דֶעם גֶעזֶעץ. הָאט מֶען פַארְדִינְט עֶטְלִיכֶע שְׁטִילֶע יָארְן, אוּן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער וֶועט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְן נַייֶע עֵצוֹת. מַיין שְׁוֶועסְטֶער רֵיזְל אִיז גֶעוֶוען עֶלְטֶער פוּן מִיר מִיט דְרַיי יָאר, הָאט מֶען אִיר עֶלְטֶער גֶעמַאכְט מִיט עֶטְלִיכֶע יָאר, צוּ אַזַא עֶלְטֶער וָואס מֶען אִיז שׁוֹין פְרֵיי פוּן דִי לִמּוּדִים אִין זֵייעֶרֶע שׁוּלֶעס.

**המשך אי"ה קומענדיגע וואך**

גענומען מיט רשות פון ספר 'שלהבת בכפור'

## די ניינטע מעשה (4) - פונעם חכם מיטן תם

**א. וואס האט נאך געזאגט דער חכם פארן חכם השני דער שליח פון מלך?**

☐ אז נישט דער מלך האט דיר געשיקט נאר איינער פון די באדינערס.

☐ אז עס איז נישטא קיין מלך איף די וועלט.

☐ דער מלך האט נישט געמיינט באמת מיר צו רופן.

**ב. צו דען האט דער חכם דער שליח פון מלך, געזען אמאל דער מלך?**

☐ ניין.

☐ יא.

☐ איינציגע מאל.

**ג. וואס האט דער חכם געזאגט פאר דער שליח פון מלך ווער דען פירט די מדינה?**

☐ דער מיניסטער.

☐ דער מלך.

☐ די זיבעציג ראטהייררן (שרי יועצים).

**ד. וואס נאך האט דער חכם געזאגט פארן צווייטן חכם דער שליח פון מלך?**

☐ קום לאמיר פארן אויף דער וועלט.

☐ קום לאמיר עפעס עסן.

☐ קום לאמיר גיין צום תם און איהם אויף ווייזן אז עס איז נישטא קיין מלך אויף דער וועלט.

**ה. וואס האט פאסירט מיט די חכמים נאך וואס זיי זענען געפארן אויף דער וועלט?**

☐ זיי זענען זייער רייך געווארן.

☐ זיי האבן מצליח געווען צו באווייזן פאר די וועלט אז עס איז נישטא קיין מלך אויף דער וועלט.

☐ זיי זענען געווארן קבצנים פוס גייערס.

**ו. צו וועלכע שטאט זענען די חכמים אן געקומען אין זייער וועג?**

☐ אין די שטאט וואס דער חכם איז געבוירן

☐ אין די שטאט וואס דער תם וואוינט דארט.

☐ אין די שטאט וואס דער מלך וואוינט דארט.

**ז. וואס האבן די חכמים געזען אין פארנט פון דער בעל שם'ס שטוב?**

☐ גרויסע הייליגע צדיקים.

☐ דער תם האט דארטן געווארט אויף אים.

☐ אסאך וועגעלעך מיט חולים.

**ח. וואס האט דער חכם געמיינט אז ווער וואוינט דארט?**

☐ דער תם.

☐ א דאקטער.

☐ דער מלך.

**ט. פארוואס האט דער חכם געוואלט אריין גיין צו דעם בעל שם?**

☐ ווייל ער האט געוואלט א ברכה פון צדיק.

☐ ווייל ער האט געוואלט מוכיח זיין פארן בעל שם אז עס איז נישטא קיין מלך אויף דער וועלט.

☐ ווייל ער האט געמיינט אז דארט וואוינט א דאקטער, און ער האט געוואלט זיך מיט איס דערקענען.

**י. וואס האט דער חכם געזאגט ווען ער האט געהערט אז עס וואוינט דארטן א בעל שם?**

☐ דאס איז נאך א ליגן און א נארישקייט.

☐ דאס איז נאך מער נארישקייט איידער דער טעות פון דעם מלך.

☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**יא. וואס האבן די חכמים געטאן אין גאר קעך (בית התבשיל)?**

☐ זיי האבן געשפעט פון דעם אז עס איז דא א מלך.

☐ זיי האבן געשפעט פון דעם בעל שם.

☐ זיי האבן געבעטן אסאך עסן.

**יב. וואס האט זיי געזאגט דער גאר קעכער?**

☐ זיי זאלן שנעל ארויס גיין פון גאר קעך.

☐ עסט אייך אפ און גייט ארויס פון דאנט.

☐ מען טאר נישט רעדן אינמיטן עסן.

**יג. וואס האט זיי דער גאר קעכער געטאן נאך ווען דער זון פון דער בעל שם איז אריין געקומען?**

☐ ער האט זיי געשלאגן גאנץ שטארק.

☐ ער האט זיי ארויס געשטופט פון זיין שטוב.

☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**יד. וואס האט דער פקיד (דער גוי) געטאן פאר די חכמים אויף דעם וואס זיי האבן גערערדט אויפן בעל שם?**

☐ ער האט זיי געשלאגן גאנץ שטארק.

☐ ער האט זיי ארויס געשטופט פון זיין שטוב.

☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**טו. וואס האט דער תם (דער מיניסטיר) געזאגט צום חכם ווען ער איז געקומען צו איס?**

☐ זעה צו וואס מיין תמימות האט מיך געברבאכט צו אזא גדולה.

☐ זעה צו וואס דיין חכמה האט דיך געבראכט.

☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**טז. וואס לערנסטו זיך פון די מעשה?**

☐ אז תמימות ברענגט א מענטשן צו אזא גדולה.

☐ אז חכמה ברענגט א מענטשן צו עניות.

☐ ________________________.

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**646-518-1095 1-518-329-9149**

# ביי מיר האט קיינער נישט דערלייגט!

המשך פון זייט 3

משפחה קיין מירון אויף שבת. זיי האבן ברוך השם געהאט א לעכטיגע שבת. א צווייטע וואך קלינגט אן א חבר'טע פון מיין פרוי און זאגט איר אז זי מאכט שבת א שמחה און זי דארף ממילא אסאך קאכן, וועט זי קענען אראפנעמען פאר מיין משפחה. זי האט געשיקט א שפע פון אלעם גוטן, פיש, טשאלט פון רינדערן פלייש, לעבער, סאלאטן וכדו' אפילו מזונות האט די גוטהארציגע פרוי געדענקט צו שיקן. אלעס איז אנגעקומען ביז צו מיין טיר. מיין פרוי האט געהאט א רואיגע ערב שבת אן צו דארפן זארגן ווי צו מאכן שבת. אזוי זענען ב"ה אריבער די לאנגע וואכן מיט גרויס ניסים ביז מיר האבן זיך ענדליך אומגעקערט אהיים בשלום נאכן וויילן ביים הייליגן רבי'ן איבער ראש השנה.

## ~~ דער בעסטער חינוך וועזער ~~

אודה ה' איך דאנק דעם באשעפער פאר אלע זיינע חסדים.

מיין סיפור איז געווען ווען איך אלס כולל אינגערמאן האב איך זוכה געווען זיך צו טרעפן זיצן עטליכע טעג אין רבי'נס כולל ביי זיין הייליגן ציון, פאר צוויי יאר צוריק, ערב ראש השנה תשפ"א.

עס האבן זיך דאן צאמגענומען עטליכע חשוב'ע איגעלייט מיטן ציל צו עפענען א 'תלמוד תורה' פאר די קינדער וועלכע האבן געוויילט אין אומאן און נישט געהאט מיט וואס אריבערצופירן דעם לאנגן טאג אין דעם וויסטן פושקינא. געטראכט און געטון זיי זענען אריינגעשפרינגען אין דעם פראיעקט און געעפנט א 'שיינעם תלמוד תורה' אזוי ווי דער סדר איז אין אומאן להבדיל אז מען עפענט אויף א שפיטאל, א זאל, א קעיטערינג פאר די פאר וואכן, האבן זיי אויך פארשטאנען דער וויכטיגקייט פון דעם זאך, אז די קינדער זאלן חס ושלום נישט פארלירן אין איין חודש אלול וואס מען האט זיי אריינגעפיטערט עלעוו חדשים בעפאר.

די השגחה עליונה האט געפירט אז מען האט מיר מכבד געווען צו ווערן א מלמד. איך בין קיינמאל בעפאר נישט געזעצן מיט קינדער - גראדע האב איך יא פאר נייגער געלערנט כללי חינוך, אבער מער פאר מיין פריוואטן באנוץ ביי מיר אין שטוב.

איך זיץ אויפן מלמד בענקל און ווי א טאג שפעטער גייט אריבער באמערק איך אז איך האב ברוך השם דעם פאך, עס איז דא א ריכטיגער קשר מיט די תלמידים. מען דארף פארשטיין אז צו האלטן אין איין כתה צען יעריגע קינדער וועלכע קומען פון ארץ ישראל, לאנדאן, אמעריקע און פון וואו נישט, ווען זיי קומען נישט געקרייזלט די פיאות באגלייט מיט אויסגעביגלטע בגדים פון די געטרייע אידישע מאמעס, דאס איז געווען די קינדערלעך וועלכע זייערע טאטעס האבן [אין די ערשטע וואכן] זיך געדארפט קראצן נאך א געהעריגע כשר'ע פרישטאג, און איר קענט זיך פארשטעלן ווי אזוי זייער שלאפן גיין האט אויסגעקוקט און וויפיל א זייגער...

למעשה האב איך זיך געטראפן מיט דעם פאסטן. און נאך א שטעלע האב איך באקומען, אויב עס האט זיך געמאכט אז איינער פון די קינדער זענען געווארן באבלאזן אדער האב איך נישט געוואוסט וויאזוי אים צו באהאנדלען, וואס איז דער פראבלעם?! עס איז דא א פותר חלום! מיר פארמאגן א ציון! איך בין יעדן טאג

נאכן חדר געגאנגען צום אבן שתיה פון וואו אלע אדערן ציען זיך ביז צו יעדן איד׳ס הערצעלע און דארט האב איך שופך שיח געווען מיין הארץ צום באשעפער אז בזכות דעם הייליגן רבי׳ן זאל איך באקומען דעם ריכטיגן דעת ווי אזוי זיך אומצוגיין מיט יענקי, נחמן, יוסי א.א.וו.

עס איז צום גלייבן אז די תשובות זענען געקומען צייטליך, און איך האב בעזר השם געפירט די קלאס אויף א שיינעם דרך ארץ׳דיגן אופן אז סיי דער מנהל און אויך די קינדער זענען געווען העכסט צופרידן..

ביים לאנדן צוריק אין ארץ ישראל, נאך עטליכע וואכן ווען מען איז שוין געווען צוריק אין די כלים צו אנהייבן דעם נייעם זמן, האבן מיינע עלטערן געזונגען דעם ניגון: "אויב דו פארמאגסט יא די כוחות דארפסטו גיין אויף א מלומדות פאסטן". איך האב אנגעהויבן צו זוכן דא אין דארט, און געווארן קודם א בִּמְקוֹם [שטעל-פארטרעטער] און צוביסלעך אויך אנגעהויבן לערנען פריוואט מיט עטליכע קינדער.

לערנענדיג אין חדר האט איינער פון די מנהלים באמערקט אז איך פארמאג א ספעציעלער טאלאנט פאר א געוויסע לימוד און א געפיל דאס אויסצולערנען פאר געוויסע קינדער, עפעס וואס מען האט שוין זייער לאנג געזוכט אין דעם תלמוד תורה, צוביסלעך האב איך זיך שטארק ארייננגעלייגט אין דער סארט לימוד און בעזר השם גאר שטארק מצליח געווען. דאס האט מיר געברענגט א ספעציעלן געשמאק צו לערנען מיט די תלמידים, אזוי אויך קענען די תלמידים קויםווארטן ווען רבי... קומט שוין צו גיין. אלס בזכות דעם רבי׳נס ערב ראש השנה תשפ"א.

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, אַזוֹי וְוי מִיר בֶּעטְן בַּיים דַאוֶונֶען אַז דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס קֶענִיגְרֵייךְ זָאל שׁוֹין נִתְגַלֶה וֶוערְן אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, יֶעדֶער אֵיינֶער וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאל זֶען צוּ דַאוֶונֶען מִיט כַּוָונָה וִוי מֶער, אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן בִּקְדֻשָּׁה אוּן טָהֳרָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין הֲלָכָה אַז מֶען זָאל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן לְכָבוֹד דֶעם הֵיילִיגְן טָאג אוּן זִיךְ אָנְטוּן שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער אוּן וואוּנְטְשְׁן מִיט לִיבְּלִיכְקַייט פַאר אַלֶעמֶען ׳לְשָׁנָה טוֹבָה תִּכָּתֵב וְתֵחָתֵם׳ אוּן עֶסְן דִי סְעוּדוֹת פוּן יוֹם טוֹב מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים כִּי חֶדְוַת ה׳ הִיא מָעֻזְּכֶם (נחמיה ח, י).

בַּיי דִי תְּקִיעוֹת זָאל מֶען נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ אוּנְזִין הָאבְּן אַז מֶען אִיז מְקַיֵים אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מִצְוָה דְאוֹרָיְיתָא פוּן תְּקִיעַת שׁוֹפָר, אוּן נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז מִצְווֹת כִּבּוּד אָב וָאֵם אִיז אוֹיךְ אַ דְאוֹרָיְיתָא.

וֶוער עֶס קֶען זָאגְן תְּהִלִּים, וואוֹיל אִיז זַיין חֵלֶק, אַשְׁרֵי לוֹ, וַוייל תְּהִלִּים אִיז מְסוּגָל צוּ טוּן תְּשׁוּבָה. אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען אַרַיינְכַאפְּן ׳לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת׳. זִיכֶער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַז מֶען קֶען אַרָאפְּנֶעמֶען אַפָּאר מִינוּט אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף אִידִישׁ אוּן אִים בֶּעטְן אַז דֶער מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ זָאל שׁוֹין אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערְן אוּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מַלְכוּת זָאל שׁוֹין נִתְגַלֶה וֶוערְן אִינְגִיכְן.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל שִׁיקְן פַאר אוּנְז אוּן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַ אוֹיסְגֶעלֵייזְטֶע יָאר, לְשָׁנָה טוֹבָה תִּכָּתֵבוּ וְתֵחָתֵמוּ לְאַלְתַּר לְחַיִּים טוֹבִים אֲרֻכִּים וּלְשָׁלוֹם, בְּסִפְרָן שֶׁל צַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, אָמֵן.

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב**

# אַרויפְגֶעכַאפְּט אויפְן בַאן

*(המשך) ר׳ לֵוִי יִצְחָק דֶערְצֵיילְט זַיין אִיבֶּערְלֶעבֶּענִיש ווִי עֶר אִיז גֶעפָארְן דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל צוּ הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אַלְץ בָּחוּר פוּן זִיבֶּעצְן יָאר בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע וֶועלְטְס קְרִיג. ווִיאַזוֹי זֶעט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן פּוֹילְן??!*

אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אַרוּם אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעזוּנְט, טְרַאכְט אִיךְ: ׳וָואס טוּ אִיךְ דָא? וואוּ פָּאר אִיךְ?! אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ אַרַיין צוּ מַיינֶע בְּרוּדֶער, דִי שְׁוֶועסְטֶער, אַלֶע בְּרוּדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען גְּבִירִים!׳

אָבֶער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר, אִיךְ בִּין צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי בַּאן אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעוַוארְט אוֹיף אַ בַּאן.

דִי בַּאן אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט מִילִיטֶער לַייט, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פָּארְן! וֶוען ס׳אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ בַּאן זֶענֶען גֶעלֶעגְן אוֹיף דִי דֶעכֶער - פוּל מִיט מֶענְטְשְׁן!

אוּן וואוּ הָאט מֶען דֶען גֶעקֶענְט פָּארְן? וֶוער הָאט גֶעקֶענְט פָּארְן דֶעמָאלְטְס?!

נָאר מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעדַארְפְט פָּארְן אַהֵיים צוּ דִי פַאמִילְיֶעס, זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיף דִי וֶועגְן! אָבֶער אִיךְ זָאל פָּארְן קַיין אוּמַאן דֶעמָאלְטְס? מֶען קֶען נִישְׁט! אוּן אִיךְ בִּין דָאךְ אוֹיךְ נִישְׁט גֶעזוּנְט גֶעוֶוען!

הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן מֶענְטְשְׁן נֶעמֶען דָארְטְן אַזַא מִין קְלֵיינֶע בַּאן אוּן פוּן דָארְט פָּארְט מֶען ווַייטֶער קַיין אָטְוָואצְק, אוּן דָארְטְן קוּמְט אָן דִי בַּאן פוּן וַוארְשֶׁע,

אוּן מֶען כַאפְּט זִיךְ אַרוֹיף! הָאבּ אִיךְ אַזוֹי גֶעטוּהְן, אִיךְ בִּין אוֹיךְ גֶעפָארְן קַיין אָטְוָואצְק. וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אִין אָטְוָואצְק, אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דֶער בַּאן פוּן וַוארְשֶׁע, דִי בַּאן וָואס גֵייט קַיין לוּבְּלִין - פוּן וַוארְשֶׁע קַיין לוּבְּלִין.

דֶער בַּאן גִיבְּט אַ קוּם אָן, הָאט מֶען אֲפִילוּ קַיין טִיר נִישְׁט גֶעעֶפְנְט, אוֹיבְן אוֹיפְן דַאךְ זֶענֶען גֶעוֶוען פוּל מִיט מֶענְטְשְׁן - אוּן דִי בַּאן פָּארְט בַּאלְד אַוֶועק. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר אַרַיינְגֶעגֶעבְּן עֶפֶּעס אַ גֶעדַאנְק, אַז אִיךְ בִּין צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ פֶּענְסְטֶער, אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעוָוארְפְן מַיין רֶענְצְל אוּן אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעשְׁטֶעקְט דִי הֶענְט, הָאבְּן מִיךְ מֶענְטְשְׁן אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט דוּרְכְ׳ן פֶּענְסְטֶער! אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אַ פַאל אַרוֹיף אוֹיף זֵיי, אוּן אִיךְ בִּין שׁוֹין דָא אִין דֶער בַּאן, אוּן דֶער בַּאן פָּארְט שׁוֹין, דִי בַּאן פָּארְט שׁוֹין!

אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט קַיין הִשְׁתּוֹקְקוּת גֶעהַאט אוֹיף דֶעם - אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט פְּלַאנִירְט פוּן פָּארְאוֹיס - עֶפֶּעס פוּן זִיךְ אַלֵיין בִּין אִיךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן!

אַזוֹי זֶענֶען מִיר אָפְּגֶעפָארְן עֶטְלִיכֶע שָׁעָה, בִּיז מֶען אִיז גֶעקוּמֶען קַיין לוּבְּלִין. דָארְט אִין לוּבְּלִין אִיז דָא אַ שְׁטִיבְּל מִיט אוּנְזֶערֶע מֶענְטְשְׁן. דָארְטְן אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַסַאךְ חֲסִידִים, מֶער ווִי אִין וַוארְשֶׁע.

אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן אַכְט טָאג אִין לוּבְּלִין. אָבֶער מֶען דַארְף דָאךְ פָּארְן וַוייטֶער. נוּ, אוּנְזֶערֶע לַייט זָאגְן מִיר: ״מִיר וַוייסְן נִישְׁט צוּ מִיר וֶועלְן פָּארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה! מֶען קֶען גָארְנִישְׁט פָּארְן, דִי בַּאנֶען זֶענֶען פוּל נָאר מִיט מִילִיטֶער מֶענְטְשְׁן!״



המשך קומענדיגע עמוד

אַסאַךְ הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט נִישְׁט צוּ פָאָרְן, אַסאַךְ פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט הָאבְּן גֶעזָאגְט פָאר אַהֵיים קַיין וַוארְשֶׁע!

אִיךְ בִּין אַרוֹיסְגֶעפָארְן פוּן לוּבְּלִין, אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גֶעוֶוען, וִוי הָאט מֶען גֶעקֶענְט צוּ-טְרֶעטְן צוּ דִי בַּאן?! אַז מֶען אִיז גֶעקוּמֶען, מֶעטֶערְ׳ס פַאר דֶעם זֶענֶען גֶעוֶוען פוּל מִיט מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע וַואלְגֶערְן זִיךְ שׁוֹין טֶעג אוּן וָואכְן,

מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּמֶען צוּ קַיין בַּאן!

מִמֵּילָא זַיי, זַיי ווִילְן דָאךְ אַהֵיימְפָארְן צוּ זֵייעֶרֶע פַאמִילְיֶעס, אָבֶער וואוּ שְׁטוּפְּ אִיךְ זִיךְ דָא?!

וואוּ שְׁטוּפְּ אִיךְ זִיךְ - מִיט מַיין רֶענְצְל?!

וֶוען דֶער בַּאן אִיז גֶעגֶעבְּן אַ קוּם אָן, אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גֶעוֶוען, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטוּפְּט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיךְ גֶעשְׁטוּפְּט מִיטְן רֶענְצְל, גֶעשְׁטוּפְּט גֶעשְׁטוּפְּט, אַ נֵס אִיז גֶעוֶוען אַז אִיךְ בִּין אַרַיין דוּרְךְ אַ פֶענְסְטֶער, מִיטְן רֶענְצְל בִּין אִיךְ אַרַיין אִין דֶער בַּאן! אִיךְ וֵוייס אַלֵיין נִישְׁט וִויאַזוֹי סְ׳אִיז גֶעוֶוען, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִויאַזוֹי אִיךְ בִּין אַרַיין אִין דֶער בַּאן!

פוּן לוּבְּלִין בִּין אִיךְ שׁוֹין גֶעקוּמֶען קַיין 'קָאוֶועל', דָארְטְן הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט בִּין אִיךְ אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן בַּאן אָן אַ קָארְטֶע! אִיז גֶעקוּמֶען דֶער אַיינְמָאנֶער אוּן מִיר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן פוּן דִי בַּאן!

נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ שׁוֹין גֶעקוּמֶען קַיין פוֹלְנָאָה, אוּן עֶר הָאט מִיר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט כָאפְּן אַן אַנְדֶערֶע בַּאן, אָבֶער עֶר הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אִיךְ זָאל נִישְׁט אַרוֹיף אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע וָואגְן, עֶר הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן דִי בַּאן זָאל אַוֶועקְפָארְן...

הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט יוֹם כִּפּוּר קָטָן אִין פוֹלְנָאָה, עֶרֶב רֹאשׁ חֹדֶשׁ אֱלוּל, אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיפְ׳ן צִיּוּן בַּיים פוֹלְנָאהֶ׳ער רַב (דֶער תּוֹלְדוֹת זי״ע), וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פָארְן וַוייטֶער, אִיךְ הָאבּ אַלְס גֶעוָואלְט פָארְן וַוייטֶער מִיט בַּאנֶען, אַלֶעס אָן גֶעלְט...

## שַׁבָּת אִין בַּארְדִיטְשׁוֹב - קַאזַאטִין

בִּיז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען פְרַייטָאג קַיין בַּארְדִיטְשׁוֹב. אִין בַּארְדִיטְשׁוֹב הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ צוּ גֵיין, אוֹיף מַיין פְרַאגֶע וואוּ עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ בְּרֶסְלֶבֶ׳ע חֲסִידִים הָאבְּן דִי שְׁטָאט מֶענְטְשְׁן גֶעזָאגְט: "אָה, דִי טוֹיטֶע חֲסִידִים"!...

בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען דָארְטְן, אוּנְזֶערֶע לַייט הָאבְּן אַ שְׁטִיבְּל, וָואס דֶער פֶענְסְטֶער אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְ׳ן פֶעלְד - אוֹיפְ׳ן בֵּית הַחַיִּים, דָארְטְן אִיז גֶעלֶעגְן רֶבִּי לֵיבֶּער הַגָּדוֹל פוּן בַּארְדִיטְשׁוֹב זַצַ״ל. אַ בֵּית הַקְּבָרוֹת דָארְטְן! אַ שְׁטִיבְּל, אַ גֵיהִנֹּם הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעזֶעהְן וֶוער סְ׳אִיז אוּנְזֶערֶע לַייט, עֲנִיִּים וְאֶבְיוֹנִים, דָאס אִיז דֶער שְׁטִיבְּל!





אויפן בילד, 1) א אידישער געסל אין בארדיטשעוו, 2) דער בעקעריי אין בארדיטשעוו

המשך קומענדיגע עמוד

המשך פון זייט 11

הַכְּלָל, ס׳קוּמְט פְרֵייטָאג צוּנַאכְט׳ס, קוּמְט אַרַיין אַ אִידֶעלֶע, אַ קְלֵיין אִידֶעלֶע, דָאס אִיז גֶעוֶוען ר׳ אַבְרָהָמ׳לֶע – דֶער קוּימֶען קֶערֶער, עֶר פְלֶעגְט אַרוּם גֵיין אוּיסקֶערְן דִי קוּימֶענְ׳ס מִיט אַ שְׁטֶעקְן, מִיט אַ בֶּעזֶעם, אוּן עֶר פְלֶעגְט שְׁרֵייעֶן בַּיים דַאוֶוענֶען, עֶר גִיבְּט קוֹלוֹת בַּיים דַאוֶוענֶען!

נָאכְדֶעם קוּמְט אַרַיין אַ אִיד עֶר הֵייסְט בָּרוּךְ בַּארְדִיטְשׁוֹבֶ׳ער, – טַאטֶע פוּן ר׳ יוֹחָנָן גַאלַאנְט ז״ל – עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן קוֹלוֹת בַּיים דַאוֶוענֶען, אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען גֶעוואוּינְט צוּ אַזַא סָארְט דַאוֶוענֶען! הָאבּ אִיךְ גֶעהַאלְטְן דֶעם שַׁבָּת אִין בַּארְדִיטְשׁוֹב.

בַּיינַאכְט הָאבּ אִיךְ גֶענֶעכְטִיגְט בַּיי אֵיינֶעם – דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּן דֶעם שְׁטִיבְּל – אַ בַּעַל בַּיִת׳שֶׁער אִיד, אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעגֶעסְן בַּיי בָּרוּךְ בַּארְדִיטְשׁוֹבֶ׳ער.

פוּן זַייעֶר גְרוֹיס אָרֶעמְקַייט הָאבּ אִיךְ בַּיי קֵיינֶעם נִישְׁט גֶענוּמֶען קֵיין גֶעלְט.

שְׁפֶּעטֶער בִּין אִיךְ אַוֶועקְגֶעפָארְן וַוייטֶער, אוּיפְ׳ן וֶועג קֵיין אוּמַאן. שׁוֹין, אִיךְ קוּם דָארְטְן אַרַיין אִין קַאזַאטִין, אַז מֶען פָארְט פוּן אָדֶעס קֵיין קִיעֶוו פָארְט מֶען דוּרְךְ קַאזַאטִין.

זֶעה אִיךְ ס׳דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אֵיינֶער אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶער אִידְל – אַזוֹי הָאט זִיךְ מִיר גֶעדַאכְט... – אוּן עֶר פְרֶעגְט מִיר: ״וואוּ פָארְסְטוּ?״ זָאג אִיךְ אִים: ״קֵיין אוּמַאן!״

״אִיךְ פָאר אוֹיךְ קֵיין אוּמַאן״ זָאגְט עֶר מִיר.

פְרֶעג אִיךְ אִים: ״דוּ הָאסְט גֶעלְט?״

זָאגְט עֶר: ״נֵיין!״ נוּ, גֵייט עֶר אַוֶועק אוּנְטֶער אַ בַּאנְק אִין בַּאן, מֶען זָאל אִים נִישְׁט כַאפְּן אָן אַ קַארְטֶע, בִּין אִיךְ אוֹיךְ אַרַיין אוּנְטֶער אַ בַּאנְק... אַזוֹי זֶענֶען מִיר בֵּיידֶע אָנְגֶעקוּמֶען קֵיין אוּמַאן.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְרִיעֶר גֶעהֶערְט פוּן יִצְחָקְ׳ל אַטְוָואצְקֶער, עֶר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער ר׳ בֶּנְצִיוֹן אַפְּטֶער וֶועלְכֶער מַאכְט פְרֵיילֶעךְ,

אוּן אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעפְרֶעגְט דֶעם אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען אוּנְטֶערְן בַּאנְק, צוּ עֶר קֶען דֶעם אַפְּטֶער זָאגְט עֶר; ״אִיךְ קֶען אִים, אִיךְ וֵוייס וֶוער עֶר אִיז!״

אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען ר׳ בֶּנְצִיוֹן אַלֵיין!

## אוּמַאן

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען קֵיין אוּמַאן הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעטְרָאפְן דָארְטְן יִשְׂרָאֵל כֹּהֵן עָלָיו הַשָּׁלוֹם, עֶר אִיז שׁוֹין דָארְט גֶעוֶוען אוֹיךְ פוּן פּוֹילְן עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען פְרִיעֶר!

אוּן מֹשֶׁה טְשֶׁענְסְטֶעכָאוֶו׳ער הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעטְרָאפְן דָארְטְן עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיךְ גֶעוֶוען פַאר מִיר, אוּן נָאךְ חֲבֵרִים גֶעוֶוען דָארְטְן! אַלֶעס חֲבֵרִים פוּן דִי יְשִׁיבָה פוּן מַאקֶעוֶו.



עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ חֹדֶשׁ אֱלוּל – אַ גוּטֶער חֹדֶשׁ, מִיט דֶער צִיּוּן, מִיט׳ן קְלוֹיז, ס׳הָאט זִיךְ גֶעקָאכְט זִיךְ!

רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן ר׳ נַחְמָנְ׳ס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען עֶטְלִיכֶע טֶעג שְׁפֶּעטֶער, מֶען אִיז אִים אַנְטְקֶעגְן גֶעלָאפְן; ״רֶבִּי אַבְרָהָם, רֶבִּי אַבְרָהָם״.

אויפן בילד, ר׳ בנציון אפטער ע״ה אינאיינעם מיט ר׳ אפרים׳ל [בעל עונג שבת] קרקאווסקי אין פוילן